בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן


ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


# וכל מאמינים


א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת וישב תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 462


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### ביקש יעקב לישב בשלוה און אזוי איז געווען

"וַיֵּשֶׁב יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מְגוּרֵי אָבִיו בְּאֶרֶץ כְּנָעַן" (לז א)

רש"י ברענגט די דרשה פון די חכמים (ב"ר פד ג) אז דער לשון הפסוק "וַיֵּשֶׁב יַעֲקֹב" ברענגט ארויס די געבעט פון יעקב אז נאך אלע צרות וואס ער איז דורכגעגאנגען זאל זוכה זיין זיצן בשלוה - "ביקש יעקב לישב בשלוה, קפץ עליו רוגזו של יוסף. צדיקים מבקשים לישב בשלוה אומר הקדוש ברוך הוא: 'לא דיים לצדיקים מה שמתוקן להם לעולם הבא, אלא שמבקשים לישב בשלוה בעולם הזה'"?

פארוואס האט מען באמת נישט ערפילט די געבעט פון יעקב, עס שטייט דאך (תהילים קמה יט): "רְצוֹן יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה"?

**רבי אברהם דוב פון אווריטש בעל 'בת עין'** ערקלערט אז די בקשה פון יעקב איז יא אנגענומען געווארן. נישט ווי עס זעט אויס פשוט אז יעקב האט געוואלט זיצן בשלוה אויף זיין פלאץ, נאר ער האט אינזין געהאט ביי זיין בקשה אויף די גלות מצרים וואס איז אויף אים נגזר געווארן; אז זיין אראפגיין אין גלות זאל נישט זיין מיט א שוועריקייט און מיט צער אזוי ווי די וואס גייען אין גלות אקעגן זייער ווילן, נאר עס זאל זיין בשלום ובשלוה (ראה שבת פט ב). און די געבעט איז אנגענומען געווארן, מיט דעם וואס "קפץ עליו רוגזו של יוסף", ביז יוסף איז געווארן אין מצרים דער משנה למלך, און אזוי איז יעקב אראפ קיין מצרים מיט גרויס כבוד.

דער 'בת עין' ערקלערט ווייטער, אז לויט דעם קען מען אפטייטשן די ווערטער פון רש"י בניחותא: "אמר הקדוש ברוך הוא: לא דיים לצדיקים מה שמתוקן להם לעולם הבא!", "אלא" אויף מיר ליגט אננעמען זייער תפילה "שמבקשים לישב בשלוה [אויך] בעולם הזה".

'בת עין'

### יעקב און יוסף האבן געדאוונט אין בית המקדש

"וַיִּמְצָאֵהוּ אִישׁ וְהִנֵּה תֹעֶה בַּשָּׂדֶה וַיִּשְׁאָלֵהוּ הָאִישׁ לֵאמֹר מַה תְּבַקֵּשׁ" (לז טו)

צוליב וואס האט הקב"ה צוגעברענגט אז יוסף האט געבלאנדזשעט אויפן וועג זוכנדיג זיינע ברודער?

ערקלערט **רבי ר' יהונתן אייבשיץ**:

די חכמים זאגן (סנהדרין צה ב) אז ווען יעקב איז ארויס פון ארץ ישראל קיין חרן האט ער געהאט קפיצת הדרך כדי ער זאל קענען דאווענען אין מקום המקדש. אויך דא ביי יוסף קען מען אזוי טייטשן, ווען יוסף האט געדארפט פארלאזן ארץ ישראל און אראפגיין קיין מצרים, האט אים הקב"ה פארבלאנדזשעט זיין וועג, כדי ער זאל אריבערגיין "בשדה" - אין מקום המקדש און דאווענען דארט, אזוי ווי די חכמים זאגן (ב"ר כב ז): "אין 'שדה' - אלא בית המקדש".

דאס זעלבע, אזוי ווי יעקב וואס האט געזען מלאכים אין מקום המקדש, אזוי ווי עס שטייט (לעיל כח יב): "וַיַּחֲלֹם וְהִנֵּה סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה וְהִנֵּה מַלְאֲכֵי אֱלֹקִים עֹלִים וְיֹרְדִים בּוֹ", אזוי אויך יוסף - ווען ער איז אנגעקומען אין מקום המקדש האט ער באגעגנט א מלאך, אזוי ווי רש"י ערקלערט דא: "'וימצאהו איש' - זה [המלאך] גבריאל".

'תפארת יהונתן'

### ראובן האט מקיים די חוב פון השתדלות

"וַיִּשְׁמַע רְאוּבֵן וַיַּצִּלֵהוּ מִיָּדָם וַיֹּאמֶר לֹא נַכֶּנּוּ נָפֶשׁ" (לז כא)

דער **'חובות הלבבות'** (שער הבטחון פרק ד) לערנט אונז, כאטש מיר גלייבן אז אלע געשעהענישן וואס קומען אויף אונז זענען א גזירה פון ה', דער מענטש וואס געפונט זיך אין א סכנה דארף טון גראטעוועט ווערן פון דעם, און זיך נישט פארלאזן אויף א נס. ער מוז אבער גלייבן אז נישט די השתדלות טוט אויף, נאר די גזירה פון ה' וואס פון אים קומט אלעס, ווי דער רמב"ן שרייבט אין אונזער פרשה (לז טו): "הגזירה אמת והחריצות שקר".

דער **'כתב סופר'** ערקלערט אז דער יסוד לערנט מען זיך אויך פון די הנהגה פון ראובן: טראץ ער האט געגלייבט אין די ערליכקייט פון יוסף, האט ראובן זיך נישט פארלאזט אויף א נס, נאר ער האט פארשטאנען אז ער דארף זיך משתדל זיין אים ראטעווען פון זיינע ברודער. מיט דעם ערקלערט דער 'כתב סופר' וואס עס שטייט אין מדרש (ב"ר פד טו) אז אלס שכר אויף ראטעווען יוסף האט ראובן זוכה געווען אז אין זיין חלק איז באשטימט געווארן די ערשטע עיר-מקלט - 'בצר' (ראה דברים ד מג); ווייל אויך די ציווי פון די תורה צוגרייטן ערי מקלט וואו אהין זאל ארייינלויפן יעדער רוצח בשוגג, איז געשטעלט אויף דעם אויבנדערמאנטן יסוד - טראץ אז א רוצח בשוגג האט נישט קיין טויט שטראף, זאל ער זיך נישט פארלאזן אויף א נס, נאר זען צו לויפן צו איינע פון די ערי מקלט כדי זיך צו ראטעווען, קומט אויס אז די שכר פון ראובן איז אים באצאלט געווארן 'מדה כנגד מדה'.

דער יסוד האט דוד המלך מכוון געווען ביים זאגן (תהלים קיח ז) "ה' לִי בְּעֹזְרָי" - איך גלייב אז מיין הילף איז אנגעהאנגען נאר אין די האנט פון ה', אבער צוליב די חוב פון השתדלות וועל איך זיך נישט פארלאזן אויף די נס, נאר: "וַאֲנִי אֶרְאֶה בְשֹׂנְאָי" - איך וועל זיך מתבונן וויאזוי אפגעהיטן ווערן פון מיינע פיינט.

'כתב סופר'

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### ברומו של עולם

דער וועלט איז א וועלט פון 'הסתר', ד.מ. פארהוילן. מיר טון נישט איינערקענען די אמת'דיגע ווערד פון זאכן; קליינע זאכן זען אויס ווי וויכטיג און טייער, און פון די צווייטע זייט, מיט ווייטאג, דערהויבענע זאכן וואס האבן א גרויסן ווערד, ווערן באטראכט אין אונזערע אויגן ווי נישט חשוב.

חז"ל האבן אונז דאס קלאר געלערנט, זיי דרש'נען (ברכות ו ב) דעם פסוק אין תהילים (יב ט): "כֻּרֻם זֻלּוּת לִבְנֵי אָדָם", אזוי: 'כֻּרֻם' - דאס זענען "דברים העומדים ברומו של עולם", און פון דעסוועגן זענען זיי: "זֻלּוּת לִבְנֵי אָדָם" - "בני אדם מזלזלים בהם". רש"י אויפן פלאץ ברענגט אויף דעם א ביישפיל: "כגון תפילה".

תפילה איז די דירעקטע קשר צווישן דער מענטש און דער באשעפער, דאס טוט אויף א געוואלד, אבער מענטשן טון נישט איינערקענען זיין ווערד, און האבן א נאטורליכע נייגונג צו גרינגשעצן אין דעם.

איך ווען צולייגן און זאגן אז די הגדרה "דברים [=דיבורים] העומדים ברומו של עולם", איז באזונדער פאסיג אויף די מצוה פון ענטפערן אמן וואס איז א הויפט טייל אין תפילה. ווייל ווי באקאנט, פון יעדע אמן ווערט באשאפן א מלאך וואס שטעלט זיך צו צווישן די מלאכים פון אויבן, וואס אויף זיי זאגן מיר ביי די ברכה פון יוצר אור: "ואשר משרתיו עומדים **ברום עולם**", און פון דעסוועגן 'בני אדם מזלזלים בה'!

עס איז מיר קלאר ווי די טאג אז אויב מענטשן וואלטן איינערקענט אין די טייערקייט פון ענטפערן אמן, פארשטאנען איר מעלה און געווען באהאונט אין די געוואלדיגע שכר וואס איז צוגעזאגט פאר דער וואס ענטפערט מיט כוונה, וואלטן זיי נישט מוותר געווען אפילו אויף איין א אמן!

דורך די 'אמן' שטעלט אויף דער מענטש א ריזן מיליטער פון מלאכים וואס וועלן שטיין צו זיין זכות "ברום עולם" אויף אייביג. דאס גאנצע וואס פעלט זיך אויס איז אויסנוצן די געלעגנהייט וואס איז פאר אונז געגעבן געווארן יעדן אינדערפרי אין יעדע שול צו ענטפערן אמן נאך די ברכות פון די מתפללים.

איך האב זיך געפריידט געוואר ווערן אז איך האב זוכה געווען צוטרעפן צו די ווערטער פון מרן ראש הישיבה, הגראי"ל שטיינמאן זצ"ל, וואס דעם קומענדיגן זונטאג כ"ד כסלו צייכנט מען אפ פינף יאר זינט זיין הסתלקות. ער וואס האט מחזק געווען און געמוטיגט די 'בני אמונים' רעוואלוציע פון די טאג פון איר גרינדונג שרייבט (אין זיין הסכמה אויפן ספר 'כתר מלוכה'): "דבר גדול הוא לחזק הענין הגדול של עניית אמן **אשר גם הוא מהדברים העומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלים בהם מחוסר ידיעת האיסור וגודל השכר** למתחזקים בה".

נאים הדברים למי שאמרם, וואס זייענדיג אין די בחי' פון "נאה דורש ונאה מקיים", האט ער זייער מקפיד געווען אויף ענטפערן אמן בכלל, און נאך ברכות השחר בפרט.

אויך מיר וועלן גיין אין זיין וועג, און מיר וועלן ארייננעמען אין אונזער געוויסן ווי ווייט איז די 'אמן' טאקע 'ברומו של עולם', וועלן מיר זיכער נאכלויפן נאך יעדע אמן כמוצא שלל רב.

**מיט א רוף "ואשר משרתיו עומדים ברום עולם"**
**א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# א הימלישע תפילה אקעגן די חנוכה ליכט

אין חודש ניסן תשע"ג, איז נפטר געווארן דער יונגערמאן הצדיק רבי אוריה שטיין זצ"ל, זון פון דער מזכה הרבים, יבלח"א, הגאון רבי מנחם שטיין שליט"א, נאך ליידן זעקס יאר אין וועלכע ער האט געקעמפט מיט א העכערע שטארקהייט אין די ארגסטע פון די מחלות.

ר' אוריה האט אין זיין לעבן מקדש שם געווען. אין ליכט פון אלע יארן פון זיין קראנקייט, טראץ זיינע שווערע ליידן, איז די שמייכל נישט אוועק פון זיין פנים. אפילו נאכדעם וואס ער איז בלינד געווארן אויף זיינע אויגן, האט זיך נישט אויפגעהערט זיין שמחת החיים. ער האט זיך באנוצט מיט יעדע טראפ כח וואס איז אין אים געבליבן צו פארמערן אמונה אין דער וועלט, מחזק זיין צובראכענע הערצער און מקדש זיין שם שמים ברבים.

ר' אוריה האט איבערגעלאזט פיר יונגע יתומים, דריי זין און א טאכטער. אנהייב די 'ווינטער זמן' אין יאר תשע"ח האט דער מחנך פון איינעם פון די זין גערופן זיין מאמע און אינפארמירט מיט טרויער אז דער זון וואס לערנט אין זיין קלאס האט לעצטנס א כסדר'דיגע ירידה אין די לימודים, און בעט מען זאל צוזאמען טראכטן א עצה ווי אזוי מען קען צוריק ברענגען זיין חשק צום לערנען.

אין די קומענדיגע טעג זענען אויך די חשובע


רבי אוריה שטיין זצ"ל

זיידע'ס פון דעם בחור אריין אין בילד, זיי האבן פרובירט עטליכע וועגן, אבער ליידער - אלעס איז געווען אומזיסט, דער קינד איז ווייטער אדורכגעפאלן אין די לימודים, עס איז שוין צוגעקומען אז ער האט שוין נישט געהאט קיין חשק צו גיין אין תלמוד תורה, עס איז געווען קלאר אז עס איז אים שווער, אבער זיי האבן אים נישט געקענט העלפן.

מיט א צייט שפעטער, אין איינע פון די נעכט פון חודש כסלו תשע"ח, איז ר' שלמה, א נאנטע פריינד פון אוריה וואס האט אים באגלייט מיט א איבערגעגעבנקייט אין אלע יארן פון זיין קראנקהייט, זיך פלוצים אויפגעוועקט מיט א בהלה, ער איז אויפגעשטאנען און געריבן די אויגן אומגלויבונג, יא, עס איז געווען א רעאליסטישער חלום. ארום פיר און א האלב יאר נאך זיין טראגישן פטירה האט ער געזען אין חלום זיין בעסטער פריינד אוריה, און אויך גערעדט מיט אים.

שלמה האט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין בעט און צוביסלעך אנגעהויבן איבערגיין אויף די פרטים פון דעם חלום. דער אנזאג וואס אוריה האט אים געוואלט איבערגעבן איז געווען קורץ, שארף און קלאר: "שלמה, מיין חבר, זאלסט וויסן אז איך לייד אין הימל. איינער פון מיינע זין האט אין די לעצטע צייט שוועריקייטן אין זיינע לימודים און דאס לאזט מיר נישט קיין מנוחה. די חנוכה-טעג דערנענטערן זיך און קומען, דערפאר וויל איך דיר בעטן, זאלסט זיך פארבינדן מיט מיין מאמע און איר זאגן, אז אין די אכט חנוכה-טעג זענען די טויערן פון הימל אפן אויף די תפילות, איבערהויפט אויף די חינוך פון די קינדער. און איך בעט אז ביי די זמן פון הדלקת הנרות, וואס איז א ספעציעלע עת רצון צו דאווענען, זאל זי זיך שטעלן אקעגן די ליכט און דאווענען ספעציעל פאר דעם זון, ער זאל צוריק באקומען דעם טעם אין לערנען און מצליח זיין אין תורה".

"א מאדנער חלום", האט דער חבר געטראכט נאכן זיך איבערטראכטן, אבער ער האט זיך באלד בארואיגט: "נאך אלעס איז דאך דאס נאר א חלום. עס איז שוין אדורך געגאנגען פיר און א האלב יאר זינט אוריה'ס פטירה... עס איז אויך נישט פארשטענדליך ער זאל פונקט מיך אויסוועלן איבערגעבן זיין בקשה, ער וואלט עס נישט געקענט איבערגעבן פאר זיינע עלטערן אליין?!"

דער חבר האט באשלאסן צו איגנארירן דעם חלום, אבער דער געטרייער טאטע האט נישט נאכגעלאזט... צוויי טעג שפעטער האט ער זיך ווידער באוויזן צו דעם זעלבן חבר.

אויך דאס מאל האט דער חבר אוועקגעמאכט דעם חלום אין הארצן; "עס זעט אויס כ'האב צו פיל געטראכט וועגן דעם פריערדיגן חלום, און דערפאר איז ער ווידער ארויפגעקומען אין מיין מח די נאכט..." האט ער זיך בארואיגט.

די נאכט פון כ"ד כסלו. וויניגער ווי פיר און צוואנציג שעה פארן צינדן דעם ערשטן חנוכה לעכט'ל, וועקט זיך שלמה ווידער אויף מיט שרעק פון זיין שלאף, אוריה האט זיך באוויזן צו אים אין חלום צום דריטן מאל.

דער אינהאלט פון זיינע ווערטער איז געווען ענליך צו די פריערדיגע חלומות, אבער דאס מאל האט ער אויסגעדריקט זיין בקשה מיט מער שטארקייט, אנצייכנדיג זיינע שוועריקייטן ארונטערצוקומען פון הימל אויף דער וועלט צום דריטן מאל איבערגעבן די ווערטער. ער האט אים אויך ערקלערט די סיבה פארוואס ער איז נישט געגאנגען גלייך צו זיינע עלטערן, ווייל ער האט זיי נישט געוואלט דערשרעקן.

שלמה האט געקוקט אויף זיין פריינד וואס האט זיך צו אים באוויזן אין חלום מיט ביידע אויגן. ער האט גאנץ גוט געדענקט ווי ביים אנהייב פון זיין קראנקהייט האט מען ארויסגענומען איין אויג צוליב דער קראנקהייט, און האט נישט געקענט איינהאלטן זיין וואונדער: "וואו איז פארשוואונדן געווארן די 'פאטשיילע' וואס האט צוגעדעקט דיין פארוואונדעטע אויג?".

"דו פארשטייסט נישט אז דער קערפער וואס איז פאראן אין דער וועלט איז נאר א צודעק אויף די אמת'דיגע קערפער?!", האט אוריה געענטפערט, "אין עולם הבא געפונט זיך דער מענטש אין זיין גייסטיגע קערפער, און מיין גייסטיגער קערפער וואס האט זיך אויסגעאיידלט מיט יסורים איז אינגאנצן געזונט" - האט ער ערקלערט.

יעצט האט שוין שלמה נישט געהאט קיין צווייפל אז דאס איז טאקע א אמת'ער חלום.

וויבאלד ער איז געווען פאריאגט איבערצוגעבן די מעסעדזש האט ער נישט געקענט צוריק גיין שלאפן, האט ער אויסגענוצט די איבעריגע שעות ביז די פרימארגן צו זאגן תהילים לטובת די נשמה פון זיין חבר. האלב נאך פינף אינדערפרי' האט ער זיך שוין נישט געקענט איינהאלטן, און האט אנגעהויבן צו רופן ר' מנחם שטיין'ס טעלעפאן נאך און נאך, ביז ער האט באקומען א ענטפער.

שלמה האט זיך פארגעשטעלט ווער ער איז, און האט תיכף געפרעגט: "הרב שטיין, האסט א אייניקל וואס אין די לעצטע צייט פלאגט ער זיך אין די לימודים?". הרב שטיין וואס האט זיך ערשט אויפגעכאפט פון שלאף, האט געענטפערט יא, ער האט אבער נישט פארשטאנען, וואו אהין וויל יענער אנקומען אין די שמועס... דא האט שלמה דערציילט פאר הרב שטיין אלעס וואס איז אויף אים אריבער אין די לעצטע טעג, ווי אוריה האט זיך באוויזן צו אים אין חלום איינמאל און נאכאמאל, אים ערקלערט די גרויסע מעלה פון דאווענען אין חנוכה, בפרט ביים צינדן די ליכט, און בפרט אויף חינוך הילדים, און אים געבעטן ער זאל בעטן זיין מאמע זאל דאווענען ביי די חנוכה ליכט צינדן פאר דער הצלחה פון זיין באליבטן זון.

הרב שטיין האט געהערט און עס אנגענומען. שוין א לאנגע צייט וואס ער ווייסט וואס עס שטייט אין די הייליגע ספרים איבער די גרויסקייט פון די מעלה פון דאווענען אין חנוכה, און יעצט האט ער אויף דעם באקומען א 'באשטעטיגונג' פון הימל.

אין דער ערשטער נאכט פון חנוכה, בשעת הדלקת הנרות, אקעגן די מנורה, האט זיך געהערט א רירנדע תפילה פון א אידישע מאמע פאר איר אייניקל דער יתום. אין די קומענדיגע טעג האט מען ווייטער געדאווענט אויף דעם טייערן קינד ער זאל צוריק באקומען זיין חשק און געשמאק אין תורה, און די ישועה האט נישט פארשפעטיגט פון צו קומען.

אנהייב חודש טבת איז דער קינד צוריק צו די לימודים מיטן פולן ברען און חשק, און פון דעמאלט אן האט ער אנגעהויבן צו שטייגן מער און מער, צו די פרייד פון מאמע און זיינע טייערע זיידעס, און אוודאי' צו די גרויסע שמחה פון זיין פאטער. ישמח האב בגן עדן.

געהערט פון הגאון רבי מנחם שטיין שליט"א

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

## ענטפערן אמן נאך א ברכה פון א שוטה

**א שוטה און אזוי אויך ווער ער איז א טויבער - א שטומער, ענטפערט מען נישט אמן נאך זייערע ברכות, ווייל זיי זענען נישט מחויב במצוות. אבער דער וואס איז נאר א חרש, א טויבער, און נישט קיין אילם, איז ער יא חייב במצוות און מען דארף ענטפערן אמן נאך זיינע ברכות. אזוי אויך, א טויבער-שטומער פון געבורט וואס מ'האט אים אויסגעלערנט צו רעדן, ענטפערט מען אמן נאך זיינע ברכות.**

מקורות וביאורים:

דער 'פרי מגדים' שרייבט (סי' קכד א"א ס"ק יד): "עס איז זיכער, נאך א חרש און שוטה ענטפערט מען נישט אמן, ווייל ער איז אינגאנצן נישט קיין בר חיובא, אפילו מדרבנן". און דער 'משנה ברורה' שרייבט אויף דעם (שם מז): "אז די ווערטער זענען ארויס פון מויל [אן טראכטן], ווייל א חרש המדבר ואינו שומע איז זיכער חייב במצוות". עס זעט אויס אז דער 'משנה ברורה' האט פארשטאנען אז דער 'פרי מגדים' רעדט פון א חרש המדבר, ווייל אויב ער רעדט נישט - זאגט ער דאך נישט קיין ברכה, און עס איז נישטא וואס צו רעדן וועגן ענטפערן אמן נאך אים. און ווייל א חרש המדבר איז א בן דעת וואס איז חייב במצוות, דארף מען ענטפערן אמן אויף זיינע ברכות. אבער אין שו"ת 'שבט הלוי' (ח"י סי' מה) שרייבט ער אז מען קען זאגן אז די כוונה פון פמ"ג איז אויף א חרש וואס הערט נישט און רעדט נישט, "וואס מורמלט מיט זיינע ליפן אזוי ווי א ברכה", און אויף דעם זאל מען נישט ענטפערן אמן אויף זיין ברכה. און אין קונטרס 'הלכות כיבוד אב ואם' פון הגר"י זילבערשטיין (עמ' שכד, נדפס בסוף ספר 'אבני זכרון' בני ברק תש"ס) שטייט אז א שוטה וואס פארשטייט וואס ער זאגט מעג מען ענטפערן אמן נאך זיין ברכה.

נאך שטייט אין שו"ת 'שבט הלוי' (שם) ווייל עס זענען דא אחרונים וואס האלטן אז א חרש-אילם פון געבורט וואס מ'האט אים אויסגעלערנט צו רעדן האט נישט קיין דין פון א שוטה, קען מען מספק ענטפערן אמן נאך זיינע ברכות. און זעה אויך אין 'לקט הקמח החדש' (קכד כו) וואס שרייבט אז א חרש - אילם וואס מ'האט אים אויסגעלערנט צו רעדן אין א ספעציעלן מוסד און ער לייגט תפילין און דאוונט, זעט אויס אז מען קען ענטפערן אמן נאך זיינע ברכות.

## ענטפערן אמן נאך א ברכה אינמיטן שלאף

**דער וואס הערט זיין חבר זאגט א ברכה אינמיטן שלאף זאל נישט ענטפערן אויף דעם אמן.**

מקורות וביאורים:

אין שו"ת 'לב חיים' פון ר"ח פאלאג'י (ח"ג סי' קכו) שטייט אז דער וואס האט אינמיטן שלאפן געזאגט די ברכה פון ספירת העומר און געציילט לויט די הלכה, איז נישט יוצא מיט דעם, און ווען ער וועקט זיך אויף דארף ער באלד זאגן די ברכה און ציילן ווי עס דארף צו זיין, ווייל א ישן איז פטור מן המצוות. לויט דעם איז גע'פסק'נט אין שו"ת 'פרי השדה' (ח"ג סי' צא) דער וואס הערט א ברכה פון איינער וואס שלאפט זאל נישט ענטפערן אמן, ווייל א ברכה פון א ישן האט אינגאנצן נישט קיין דין ברכה.

## דער דין פון איינער וואס איילט זיך צו גיין

**דער וואס זעט איינער גרייט זיך זאגן א ברכה וואס ער איז נישט מחויב עס צו הערן, און ער יאגט זיך גיין צו זיין וועג, מעג ער גיין און דארף נישטווארטן ביז יענער וועט ענדיגן די ברכה כדי ער זאל קענען ענטפערן אמן נאך איס.**

מקורות וביאורים:

אזוי שטייט אין 'לקט הקמח החדש' (קכד יט) אין נאמען פון 'אשל אברהם'. אין דער ענין דארף מען אנצייכענען וואס עס שטייט אין שו"ת 'חתם סופר' (ח"א או"ח קנט) אז עס זענען דא וואס האלטן אז דאס וואס די חכמים זאגן (ברכות נג ב): "גדול העונה יותר מן המברך", איז נאר געזאגט געווארן אויף איינער וואס ענטפערט אמן נאך א ברכה וואס ער איז נישט מחויב עס צו הערן".

## ענטפערן אמן נאך ברכות וואס ווערן געזאגט ביים דאווענען

**דער ציבור דארף זיך צואיילן ענדיגן די ברכות וואס ווערן געזאגט ביים דאווענען בעפאר דער חזן ענדיגט זיי, כדי צו ענטפערן אמן נאך איס. און אזוי דארף מען זיך פירן אויך ביי ברכת המזון וואס ווערט געזאגט בזימון, כדי צו קענען ענטפערן אמן נאך די ברכות פון דער מזמן. אבער עס זענען דא וואס האלטן אז עס איז נישט חיוב קיין אזוי צו טון.**

מקורות וביאורים:

אין שו"ת הרא"ש (כלל ד סי' יט, הובאו דבריו בטור או"ח נט) שרייבט ער לגבי ברכות קריאת שמע: "ווען איך קום אן צו די ענדע ברכה, אייל איך מיך צו ענדיגן מיין ברכה בעפאר דער חזן וועט ענדיגן זיין ברכה, און איך האב אינזין ענטפערן אמן אויף די ברכות פון דער חזן". דער רמ"א ברענגט די הלכה סיי וועגן ברכות קריאת שמע (נט ז) און סיי וועגן ברכת המזון (קפג ז). דער 'משנה ברורה' (תריט ג) שרייבט מען זאל מקפיד זיין אויף די הלכה לגבי ברכת שהחיינו וואס מען זאגט ביי כניסת יום הכפורים.

אבער אין 'בית יוסף' (שם) ווייזט ער אויף פון דער רמ"ה אז עס איז נישט קיין חיוב זיך צואיילן און ענדיגן די ברכה פארן שליח ציבור כדי צו ענטפערן אמן נאך איס. דער 'ביאור הלכה' (שם) שרייב אז עס קען זיין אז דער רא"ש איז נאר געזאגט אין זייערע צייטן וואס דער מנהג איז געווען יוצא זיין די ברכות קריאת שמע מיטן הערן פון שליח ציבור, און פון זיינע ווערטער זעט אויס אז ער האלט אז היינט וואס מען איז נישט יוצא די ברכות פון דער חזן, איז נישט קיין חיוב צו ענדיגן די ברכה פארן חזן.

רבי שאול בראך פון קאשוי איז געווען געוואוינט מעורר זיין אז נאר דער ש"ץ זאל ענדיגן די ברכות אינמיטן דאווענען אויפן קול, און נישט די איבריגע מתפללים, ווייל עס טרעפט זיך אז עס זענען דא מתפללים וואס האלטן אין אזא פלאץ וואס זיי מעגן נישט מפסיק זיין און ענטפערן אמן, און די וואס הערן קענען א טעות האבן און ענטפערן אמן נישט ריכטיג ('שאול בחיר ה'' עמ' קפט).

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן אמן – דער יסוד פון אמונה

### אמונה מיט פארשטאנד

דער מהר"ל ('נתיבות עולם' נתיב העבודה פרק יא) ערקלערט אז ווייל די עיקר פון ענטפערן אמן איז א סטעיטמענט פון אמונה אין די ווערטער פון דער מברך, דעריבער דארף עס געזאגט ווערן מיט כוונה און פארשטאנד, און דאס זענען זיינע ווערטער:

"דארפסט פארשטיין דיווארט אמן, און דער אונטערשייד וואס איז דא צווישן דער מברך און דער וואס ענטפערט אמן. ווייל דער וואס ענטפערט אמן פעלט צו דעם אויס די פארשטאנד און שכל אז ער גלייבט אין דעם. און אזאך וואס איז אן קיין פארשטאנד ווערט נישט אנגערופן אמונה, נאר די אמונה איז אין הארצן. אנדערשט איז דער מברך כאטש עס איז ראוי ער זאל האבן כוונה, פון דעסוועגן ווייל ער האט געזאגט די ברכה, אפילו ער האט נישט אינזין געהאט האט ער אויך יוצא געווען. אבער אויב ער ענטפערט אמן אן כוונה איז עס אינגאנצן נישט קיין אמן".

### א פראבע אויף די אמונה

אין זיין הקדמה אויפן ספר 'שומר אמנים' [וואס איז פארפאסט געווארן דורך רבי אפרים זלמן היילפערין, וואס האט שפעטער אויפגעשטעלט דעם 'המרכז הארצי לטהרת המשפחה'] שרייבט דער משגיח **רבי אליהו לאפיאן:** ענטפערן אמן איז ווי א פראבע אויף די אמונה פון דער מענטש. כדי צו ענטפערן אמן פעלט נישט אויס א באזונדערע הקרבה אדער א אנשטרענגונג, אויף דער מענטש ליגט נאר אויסהערן די ברכה אדער די קדיש און ענטפערן אמן לויט די הלכה, דעריבער יעדער מענטש וואס די אמונה ליגט אים אויפן הארץ, וועט מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן.

דער פסוק (דברים לב כ): "בנים לא אֵמֻן בם", ווערט גע'דרש'נט אין ספרי (פיסקא שכ) אויף צוויי אופנים: א. "בנים אתם שאין בכם אמונה". ב. "אל תקרי 'לא אֵמֻן בם' אלא 'לא אָמֵן בם' - אז זיי האבן נישט געוואלט ענטפערן אמן נאך די נביאים ווען זיי האבן זיי געבענטש". מען קען זאגן אז די צוויי דרשות זענען פארבינדן; זיך אפהאלטן פון ענטפערן אמן, כאטש עס האנדלט זיך פון א מצוה וואס איז נישט פארבינדן מיט פלאג, לערנט אונז אז דער מענטש האט נישט קיין אמונה ('שומר אמנים' [ניו יארק תשי"ג] עמ' 42).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער לייענער

**לכבוד**

**דער נשיא און גרינדער פון 'בני אמונים'**

**הרב יעקב דוב מארמארשטיין שליט"א**

שלום וברכה

געלויבט איז השי"ת וואס האט מיך מזכה געווען מקפיד זיין זאגן ברכות השחר בחברותא, און איבער ענטפערן אמן בכלל. פארשטייט זיך אז מיין חיזוק אין דעם, אזוי ווי די חיזוק פון אסאך, שטאמט פון דעם פלאם פייער וואס ענק האבן אנגעצינדן אין דער גאנצער וועלט.

איך געדענק, אז אין אנהויב האב איך זיך צוריקגעצויגן פון צוגיין און בעטן, אפילו פון א באקאנטער און א פריינד, זאל ענטפערן אמן אויף מיינע ברכות, היינט צו טאג טו איך דאס ווי נאטורליך. עס דאכט זיך מיר אז צוליב די גרויסקייט פון די מצוה מאכט דער יצר הרע ווי עס איז א שווערע זאך.

ביי קריאת התורה אין פרשת ויצא איז איינגעפאלן אין מיין מח א געדאנק וואס איז מרמז אויף די געוואלדיגע כח פון ענטפערן אמן. אויף יעקב אבינו זאגט דער פסוק (בראשית ל מז): "ויפרוץ האיש מאוד מאוד ויהיו לו צאן רבות ושפחות ועבדים וגמלים וחמורים"; "ויפרוץ האיש מאוד מאוד" - די ראשי תיבות זענען גימטריה 'אמן'.

און אגב, מען קען צולייגן אז דער פסוק איז אויך מרמז אויף ענקערע דערהויבענע אקטיוויטעטן, ווען ענק האבן מצליח געווען מיט ענקער געדאנק **מאוד מאוד!**

ענק זאלן זוכה זיין בס"ד פארזעצן די ריזיגע רעוואלוציע צווישן אלע בני אמונים אין ארץ ישראל און אויף דער וועלט, און געבענטש ווערן מיט אלע ברכות אמן.

**י.פ**

**ירושלים**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



רבי חיים משה יהודה שניידער זצ"ל

### הרב חיים משה יהודה שניידער

### ראש ישיבת 'תורת אמת'

### כ"ה כסלו תשט"ו

רבי חיים משה יהודה שניידער איז געבוירן אין שנת תרמ"ה אין שטעטל מיטן נאמען דזיוונישוק וואס איז נעבן לידא צו זיין פאטער רבי אליהו. אין זיין יוגנט איז ער געגאנגען קיין ווילנא לערנען אין די ישיבה פון בעל 'חשק שלמה'. שפעטער איז ער נתקרב געווארן צום "חפץ חיים", און א גאנץ לעבן האט ער זיך געהאלטן זיינער א תלמיד.

נאך זיין חתונה האט ער געגרינדעט א ישיבה אין דער שטאט מעמל אין דייטשלאנד וואס האט עקזיסטירט ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט מלחמה. ביי די סוף פון דער מלחמה האט ער זיך באזעצט אין פראנקפורט און דארט געעפנט די ישיבה 'תורת אמת', וואס איז געשטאנען ביז די צווייטע וועלט קריג. אין יאר תרצ"ט איז ער אריבער קיין לאנדאן וואו ער האט ווידער געגרינדעט זיין ישיבה.

ער איז ספעציעל באקאנט מיט זיין דאווענען וואס איז געזאגט געווארן מיט א געפיל און התלהבות, זיינע תלמידים זאגן עדות, אז זיין ענטפערן 'אמן' האט ממש געשפאלטן הימל'ען. צוזאמען מיט אינוועסטירן פלאג אין תורה, האט ער אויך אסאך אינוועסטירט אין די חינוך פון זיינע תלמידים אין 'עבודת הלב'.

אין זיינע לעצטע יארן פון זיין לעבן האט ער געליטן אסאך ליידן און יסורים, אבער ער האט ווייטער געטראגן די גייסטישן און פיזישן עול פון זיין ישיבה. ער איז נפטר געווארן כ"ה כסלו תשט"ו.

### א ברכה אויפן קול

ער איז געווען געוואוינט איבער'חזר'ן פאר די תלמידי הישיבה די ווערטער פון 'ספר חסידים' (רנד) אז מען דארף זאגן יעדע ברכה אויפן קול, ווייל דער וואס זאגט די ברכה שטיל גזל'ט ער פון די ציבור די מצוה פון ענטפערן אמן. צוליב דעם האט ער אויך מתקן געווען אז ווען זיי גייען עסן, זאלן די תלמידי הישיבה מקפיד זיין זאגן די ברכה 'על נטילת ידים' און די ברכה 'המוציא' הויעך אויפן קול, און האט אויך נאכגעקוקט צי מען איז מקיים די תקנה, ביז עס איז איינגעווארצלט געווארן צווישן די תלמידים ('ספר זכרון' לכבוד רמח"י שניידער [בני ברק תשכ"ה] עמ' קכז).

### דער משגיח ביים דאווענען

ער פלעגט זיצן אינמיטן די ישיבה, און נישט אויף די מזרח זייט ווי עס איז דער מנהג פון די ראשי ישיבות. דעם מנהג האט ער ערקלערט מיטן וועלן האלטן א אויג אויף די תלמידים אויך בשעת דאווענען, ווען ער רעכנט אויס: איך היט אויף די שלעפער'ס זיי זאלן נישט שפעטיגן צום דאווענען, אויף די זריזין זאלן נישט עפענען די גמרא ביי חזרת הש"ץ, און אויף אלע תלמידים געב איך אכטונג זיי זאלן ענטפערן אמן אויפן קול... (שם עמ' קלו).

### ענטפערן אמן ברענגט ברכה

ער פלעגט זאגן: ווען א מענטש דערלייגט א אמן, מיט דעם האלט ער אפ די ברכה זאל רוען ביי אים אין הויז ('אש קודש' עמ' לד).